**גוט שבת אלע אידן.** דער מעשה די וואך איז געשען בערך פופציג יאר צוריק אין ארץ ישראל. עס האט געלעבט דעמאלט א איד אין ירושלים וואס האט געהייסן ר' אליעזר יוסף לעדערבערג (זיין עכטע נאמען). איין טאג האט ר' אליעזר יוסף אנגעהויבן נעבאך צו שפירן ווייטאג אין זיין קאפ, ל"ע. ער האט געהאפט אז די ווייטאג וועלן אוועקגיין און ער וועט נישט דארפן גיין צום דאקטאר. אין יענע יארן אין ירושלים איז נישט געווען קיין סאך דאקטוירים מומחים, און די מצב אין די שפיטעלער איז אויך געווען שוואך צוליב דעם ארימקייט אין די מדינה.

צום סוף, ווען די ווייטאג האבן אים זייער שטארק געשטערט, איז ער געגאנגען צו דאקטוירים. זיי האבן ליידער געזאגט אז ער דארף אן אפעראציע. עס וועט זיין א שווערע אפעראציע און די דאקטוירים האבן אים געזאגט אז עס איז שטארק מעגליך אז די אפעראציע וועט אים מאכן בלינד, ל"ע.

ר' אליעזר יוסף איז געווארן מוראדיג צובראכן. זיין עיקר עסק אין לעבן איז געווען פארלערנען תורה ברבים אין דעם בתי ווארשע שכנות אין ירושלים. כאטש אפילו ער איז "אפיציעל" געווען א בעל בית, איז ער דאך געווען א ריזיגער תלמיד חכם. ר' אליעזר יוסף האט נישט געוואוסט וואס צו טון. אויף איין זייט איז ער לכאורה מחויב געווארן צו האבן די אפעראציע ווייל עס וועט ראטעווען זיין לעבן. אבער מאידך גיסא, איז תורה געווען זיין חיות אין לעבן, און ווי אזוי ווער ער קענען לעבן אן דעם?

ער איז געגאנגען צו זיינע חברים, אנדערע תלמידי חכמים כדי דורכצושמועסן דעם ענין. אפאר מענטשן האבן אים געזאגט אז ער זאל ווארטען א שטיק צייט ווייל אפשר האבן די דאקטוירים געמאכט א טעות, און ער וועט נישט דארפן האבן די אפעראציע צום סוף. אבער אנדערע האבן אים געזאגט אז ער איז טאקע מחויב צו מאכן די אפעראציע ווי שנעלער. נו, ער האט זיך מיישב געווען אז ער מוז מאכן די אפעראציע, אפילו ער וועט פארלירן דעם ראייה, ח"ו און ער וועט נישט קענען אריינקוקן אין די הייליגע גמרא וואס ער פלעג פארלערנען.

אפילו ער האט געוואלט מאכן די אפעראציע האט ער געוואלט עס אפשטופן ווי לענגער, ווייל טאמער ער וועט ווערן בלינד, האט ער געוואלט אריינכאפן און לערנען וויפיל תורה עס איז געווען שייך פאר ער וועט שוין נישט קענען אריינקוקן. די דאקטוירים האבן געזאגט אז ער האט געקענט ווארטן ביז זעקס חדשים ביז ער וועט מוזן מאכן די אפעראציע.

פאר די קומענדיגע זעקס חדשים האט ער אויסגענוצט יעדע רגע צו לערנען צוויי מסכתות בעל פה. ער האט געחזרט מסכת ביצה און מסכת ראש השנה. נאכאמאל און נאכאמאל טאג און נאכט, נאר איין זאך האט אים אינטערעסירט, און דאס איז געווען די צוויי מסכתות. ווען די גאנצע וועלט איז געווען פארנומען מיט עולם הזה'דיגע זאכן איז ר' אליעזר יוסף געזיצן און געלערנט.

דער טאג פון די אפעראציע איז געקומען. זיין משפחה האט געוויינט און זיי האבן געזאגט תהלים, האפענדיג אז עס וועט זיין גוט. ר' אליעזר יוסף האט אויך געוויינט. ער האט געקוקט אויף זיין טייערע משפחה וויסענדיג אז עס וועט זיין אפשר דאס לעצטע מאל אין זיין לעבן וואס ער וועט זיי זען. אבער נאך מער, האט ער געקוקט אויף די הייליגע ווערטער פון די גמרא, טראכטענדיג אויב ער וועט זוכה זיין צו קענען לערנען פון א גמרא נאכאמאל. ער האט געטראכט וועגן זיין גאנצן לעבן, דורך אלע יארן, וויפיל צייט האט ער פארפאסט! וויפיל תורה האט ער געקענט לערנען אין די צייט וואס ער האט פארפאסט! אבער יעצט איז עס געווען שוין לאחר המעשה, עס איז געווען צו שפעט. ער האט כאטש געפרייט מיט די צוויי מסכתות וואס ער האט שוין געקענט בעל פה. דאס איז געווען זיין איינציגסטע מנוחה, די צוויי מסכתות וואס האט ער געקענט הין און צוריק, זיי זענען געווען געקריצט אויף זיין מח. ער האט געהאלטן א גמרא אין האנט ביז די לעצטע מינוט ווען זיי האבן אים אריינגעברענגט אין די אפעראציע שטוב.

ווען ער האט זיך אויפגעוועקט עטליכע שעהן שפעטער, זענען זיין אויגן געווען באנדאזשירט. זיי האבן אים געזאגט אז ער וועט נישט וויסן ביז אפאר טעג ארום אויב די אפעראציע האט אים פארבלינדערט. די פאר טעג ווארטען זענען געווען פון די שווערסטע טעג אין זיין לעבן. סוף כל סוף האבן זיי געהייסן אראפנעמען די באנדאזשעס. ער האט געעפענט זיין אויגן און ער האט אנגעהויבן צו וויינען... ער האט געקענט זען!

דורך די לעצטע יארן פון זיין לעבן האט ר' אליעזר יוסף ווייטער געלערנט תורה מיט גרויסע התמדה. ווי נאר ער איז געגאנגען האט ער געחזרט יענע מסכתות וואס ער האט געלערנט אזוי פלייסיג דורך יענע די זעקס חדשים בעפאר די אפעראציע. אין תשט"ו, האט ר' אליעזר יוסף לעדערבערג צוריקגעגעבן זיין נשמה צו זיין באשעפער. זיינע קינדער האבן געעפענט זיין צוואה און זיי זענען איבערראשט געווארן צו זען וואס ער האט געהייסן שרייבן אויף זיין מצבה. פאר מען גייט זאגן וואס ר' אליעזר יוסף האט געהייסן שרייבן אויף זיין מצבה, לאמיר אביסל מתבונן זיין אויף עניינים אין די וואכעדיגע סדרה.

מען קען אפלערנען פון דער פרשה פון קרח א געוואלדיגע מוסר השכל. א צדיק גרייט זיך צו צום עולם הבא מיט טון מצוות און מעשים טובים און לערנען די הייליגע תורה. ווען א צדיק פארלאזט די וועלט נעמט ער מיט אלע מצוות וואס ער האט געטון אין די וועלט. ער לאזט איבער א דוגמה פאר אלע, ווי מען דארף זיך אויפפירן. להבדיל ביי א רשע וואס לויפט נאך כבוד און געלט. ער לאזט גארנישט קיין גוטער רושם אויף די וועלט און ער נעמט גארנישט מיט.

ר' אליעזר יוסף לעדערבערג ע"ה האט געהייסן אז מען זאל שרייבן אויף זיין מצבה אז ער האט מסיים געווען מסכת ביצה און מסכת ראש השנה איבער 4,000 מאל! מיט דעם פאקט האט מען געדארפט אויך שרייבן אויף די מצבה, אז אין זיין צוואה איז געשריבן אז זיין ענדיגן די צוויי מסכתות אזוי פיל מאל זאל געשריבן ווערן אויף זיין מצבה כדי אז איין טאג עס וועט קומען איינער און ליינען די ווערטער און ער וועט דורך דעם מקבל זיין אויף זיך צו טון דעם זעלבן. **גוט שבת אלע אידן.**

לע"נ ר' פייוועל בן ר' אפרים ע"ה
נתרם לרפו"ש של מרדכי מנחם מענדל בן ציפורה יוטא, שאשא מלכה בת גאלדא, צבי בן חנה, יהודה בן אסתר, משה דוד בן מרים בתשח"י
לע"נ אברהם בן ליפא ע"ה • לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג (845) 362-3234
**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין דף זה לאחר התפילה**